# מזכרת

משמחת נישואין

של

## לוי יצחק וחי' מושקא שיחיו
## גרינברג

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
ברוקלין, ניו-יארק

ב"ה.

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו, החתן התמים הרב **לוי יצחק** והכלה המהוללה מרת **חי' מושקא** שיחיו.

התודה והברכה לכל קרובי המשפחה, ידידים ומכירים, שהואילו לבוא לשמוח אתנו ביום שמחת לבבנו, ולברך את החתן והכלה שיחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה ובטוב לבב הננו בזה לכבד את המשתתפים בשמחתנו - על יסוד הנהגת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בחתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא זי"ע - בתשורה מיוחדת: עלי הגהה על חלק משיחות ש"פ תצא, י"ד אלול תשל"א, שנערכה (עבור חזרה בראדיא) ע"י הרה"ח ר' משה פינחס הכהן ע"ה כ"ץ, אא"ז של הכלה.

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך אתכם ואותנו, בתוך כלל אחינו בנ"י יחיו, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחת גרינברג** **משפחת סאָסקינד**

ט"ז אלול, ה'תשפ"א

ברוקלין, נ.י.

ב"ה.

פאריגען שבת פרשת תצא האט דער רבי דער ליובאוויטשער רבי שליט"א אונז און דעם גאנצען כלל ישראל מזכה געווען מיט א אומגעריכטע התוועדות, אין דעם פארברייינגען האט דער רבי שליט"א ערקלערט איינע פון די טעמים פון דעם התוועדות,

אז דאס איז בשייכות וואס היינט מיטוואך איז ח"י אלול אכצען טאג אין חודש אלול, כמבואר בארוכה אין די שיחות קודש פון דעם פריערדיגען רבין נשמתו עדן, איז ח"י אלול דער יום הקדוש והבהיר, דאס איז דער טאג פון דעם יום הולדת פון די שני מאורות הגדולים (ביי אידען) מאנטאג ח"י אלול תנ"ח (וואס חסידים פלעגען געבען א סימן אויף דעם יאהר נחת) איז דער יום ההולדת פון דעם בעל שם טוב, און מיטוואך ח"י אלול תק"ה איז דער יום הולדת פון דעם אלטען רבין-דער בעל התניא והשולחן ערוך.-

האט דער רבי שליט"א זיך געוואנדען מיט א הצעה אז אין דעם יום הבהיר דער יום ההולדת פון די שני מאורות הגדולים זאל מען איינארדענען התוועדות׳ן (פארברייינגען) [illegible] מעורר זיין נאך אמהל אויף לכבוד התורה אז עס איז איצטער די צייט איינצונעמען די וועלט מיט תורה דאס וואס דער רבי שליט"א איז שוין מעורר זיינט חמשה עשר בשבט (און מען האט שוין דאס אויך איבערגעגעבען כמה וכמה פעמים אויך דא אויף די ראדיא סטאנציע). עס איז מובן אז די התוועדות וואס וועט קומען פון א התוועדות אין דעם טאג פון א התוועדות פון א רבים-אויב עס איז נאר מעגליך-און אפילו פון יחידים אדער אפילו א יחיד אדער א יחידה וועט געווים פועל זיין, אז אידען זאלן וואס מעהר לערנען תורה וואס דאס איז יעצט דער צרך וצו השעה, אויף איינעמען די וועלט מיט תורה.

דער רבי שליט"א האט געזאגט ביים פארברייינגען אז מען זאל דאס מפרסם זיין בכל המקומות, דעריבער גיבען מיר דאס דא איבער מיט די האפנונג דאס אידען בכל מקום שהם וועלען זיך צו הערען צו די רייד פון דעם נשיא ישראל כ"ק אדמו"ר שליט"א, וואס דאס איז זיכער געמיינט די טובה פון דעם גאנצען כלל ישראל.

ביי די התוועדות האט דער רבי שליט"א כרגיל וכדרכו בקודש געזאגט א מאמר חסידות און עטליכע שיחות קודש און מיר וועלען זיך דא באמיען איבערגעבען עטליכע נקודות פון די שיחות קודש.

אין די שיחות קודש פון דעם פריערדיגען רבין נ"ע פון חג השבועות תש (געדרוקט אין ספר השיחות קיץ ת"ש) שרייבט דער רבי א תורה פון דעם בעל שם טוב,

אמאל האט מורנו הבעש"ט געזאגט, אז אידען זיינען די תפילין דמארי עלמא כמאמר (ברכות ו׳ א׳) תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו

עלי-הגהה של שיחת ש"פ תצא, י"ד אלול תשל"א, שנערכה ע"י אא"ז של הכלה למסור בראדיא

2

ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, אידן זייגען ממשיך דעם אחד ה' בארץ.

אין תפילין זייגען פאראן צוויי תפילין: תפלה של ראש און תפלה של יד, אידן וואס זייגען די תפילין דמארי עלמא, זייגען פאראן תפילין של ראש, אידן בעלי מוחין און בעלי תורה, און תפילין של יד, אידן בעלי מדות טובות,

די ברכה פון הנחת תפילין איז אשר קדשנו במצותיו וצונו וגו', השי"ת האט אונז אידן געהייליגט מיט די מצות, די ברכה אויף תפילין מאכט מען אויף ביידע תפילין, אויפן של ראש און אויפן של יד, און לייגען באדארף מען ביידע תפילין אבער פריער לייגט מען תפלה של יד און נאכדעם תפלה של ראש.

אין הנחת תפילין של-מעלה מיינט דער של יד, די פעולת עבודה פון אנשים פשוטים, און דער של ראש מיינט, די פעולת עבודה פון בעלי תורה, הנחת תפילין שלמעלה איז די עבודה בקבלת עול פון אנשים פשוטים העכער, פון דער עבודה פון די בעלי מוחין אין ידיעת והשגת התורה.

דער רבי שליט"א האט אין טיפע אריכות מבאר געווען די תורה פון דעם בעש"ט, און אויסגעפירט אז אפילו די אידען וואס זייגען בבחי' תפילין של יד שלמעלה-דארפען און מוזען אויך אנקומען צו לימוד התורה, ווי דער תוכן פון תפילין (אויך תפלה של יד) איז דאך תורה, די פיר פרשיות התורה (וואס זייגען געשריבען על קלף און ליגען אין די בתים; קדש, והי' כי יבאך, שמע און והי' אם שמוע.

דער רבי זאל געזונט זיין האט זיך אבגעשטעלט, וואסדי התחלת הסדרה פון תצא, פאנגט זיך אן כי תצא למלחמה על אויביך וגו' אפילו ווי רש"י זאגט אז מלחמת הרשות אבער אזא מלחמה וואס איז עפ"י תורה, און די פריערדיגע פרשה איז די פרשה פון כי ימצא חלל באדמה די פרשה פון עגלה ערופה, און פאר די פרשה פון עגלה ערופה איז דא די פרשה כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עלי' וגו' אויך א ענין פון מלחמה, ששטעלען זיך מפרשים אויף די סמיכות פון די פרשיות וואס במשנה תורה האלטען דאך אלע אז מען דרשנט סמוכים, און ווייזען מבאר אבן דעם, דאס וואס די פרשה פון עגלה ערופה בעדט גיט כי ימצא חלל באדמה בשעת מלחמה נאר סתם כי ימצא חלל, אז מען ווערט געפונען א חלל א בהערבמך אידן אפילו באדמה אין א פעלד איינעם אליין,

דער שטייגער איז דאך אז אין א מלחמה, איז דאך, ווי גיט די מלחמה ווערט געפירט פון ביידע זייטן חללים געהרגעטע הח"ל, עס פאלן קרבנות ל"ע, איז ווי קען מען אין אזא צייט טראכטען ווענען א איינציגען געהרגטן אדער וואס מען וויסט אפילו ניט ווער ער איז, ווי קען מען זיך גאר אנגעבען באווארענען אזא ענצלען פאל, איז דא קומט די תורה הקדושה, וואס תורה איז א תורת אמת, און זאגט אונז אן, אז כי ימצא חלל באדמה אפילו א איינציגען חלל, ליגט אויף א חוב דאס צו באווארענען.

אויף ווען לייגט די תורה הקדושה ארויף דעם חוב,

3

ניט אויף מינדערווערטיגע מענשען, נאר אויף זקנים ושופטים, און ווי רש"י זאגט אויפן ארט מיוחדים שבזקנים אלו סנהדרי גדולה, דאס מיינט אז די סנהדרי גדולה וואס זיצען אין לשכת הגזית אין ירושלים מוזען ארויס גיין און דאן טוען מצוה בפרשה ומדבב מסט די זקני העיר ההיא און ברענגען א עגלת בקר, און ומדדו וגו' כמבואר בכתוב,

דער רבי שליט"א האט דעם ענין ממשיך געווען בנוגע דעם חוק פון מיהו יהודי, וואס מהאט שוין פיעל גערעדט וועגען דעם, און ביז יעצט איז דאך דער ענין נאך ניט מתוקן, און מען נעמט ווייטער ארייך גוים אין כלל ישראל מיט א פאפירעל אז ער איז א איד ווען דער גוי איז ניט דורכגעגאנגען גיור כהלכה,

וואס ווי שוין געזאגט כמה וכמה פעמים איז דאס א גזירה איומה וואס איז ניט געווען זייט אידן זיינען א פאלק,

אפילו ווי די וואס טענהן און זאגען אז דאס איז נאר אמכשול וואס קען ארויסקומען נאך פאר א יחיד, פאר געציילטע מענשען, קען מען ארויסלערנען פון די פרשה פון עגלה ערופה אז אפילו פאר איין איינציגען אידען, אויב כי ימצא חלל באדמה מוזן זיך אפגעבען מיט דעם הלל די גרעסטע פון די אידען די סנהדרי גדולה, אפילו די וואס פלאנירען מלחמות, אפילו די וואס זיצען אין ירושלים וואס ירושלים זאגט תוס' און תענית איז על שם יבאה שלם, מעגען זיי זיין יראים ושלמים, טארען זיי ניט פארשווייגען אזא גזירה,

דער ענין פון מיהו יהודי ווי שוין געזאגט איז אויך א ענין פון שפיכת דמים ווי דער רמב"ם פסקנט להלכה על יסודת הגמרא ביבמות אז דער וואס בא רח"ל על הגוי' אבי שופך דם יהודי, וואס עס וואלט געקענט געבוירען ווערען א איד, און עס ווערט געבוירען א גוי.

מען רעדט איין אז דערמיט טוט מען א טובה דעם גוי, עס הויבט זיך גאר ניט אן, דער גוי אליין וויל דאס ניט, נאך עס איז שוין געווען פאלען וואס די גוים אליין האבען שפעטער פראטעסטירט און ווילען ניט זיין בבבבב פארשריבען אלס יהודים.

אבער מדארף וויסען אז דער ענין פון מיהו יהודי איז ניט פאר א ענצעלנעם פאל, נאך עס איז פעסגעשטעלט געווארען דער פאל פון גיור וגבה וואס רבנים וועלכע זיינען געשיקט געווארען אויף אויסצופארשען האבען פעסגעשטעלט אז עס איז ניט געווען קיין גיור כהלכה, און דער רב אין ווין האט אליין געזאגט אז ער האט בעמיינט אז ער איז נאר א עדות אבער ניט קיין בית דין שלשלשה,

ניט איד א גוי האט געמאכט א שאלון-א רעפערענדום-אין ארץ ישראל וועגען דעם מי יהודי געזעץ און 58 פראצענט פון די וואס האבען געענטפערט זיינען געגען דעם מיהו יהודי געזעץ, נאר אז עס מוז זיין גיור כהלכה, און ביניהם איז דא אסך חילונים (וואס באמת איז ביי אידען ניטדא קיין חילונים, ווייל יעדער איד האט א נשמה א חלק אלקי ממעל )

די אלע ארטאדאקסישע אידען ובעלבבב אן ארצינו הקדושה זיינען דורכאויס געגען דעם געזעץ פון מיהו יהודי, ווייל קיינער ווייסט ניט וואס עס קען ברענגען מיט די צייט אז היל"ת זיינער א אייניקעל זאל נכשל ווערען התונה האבען מיט אזא וואס האט ניט געהאט גיור כהלכה, א איד ציטערט אויף ו ועגען נישואי תערובות מיט א גוי, אויב עס זאל ח"ו היל"ת אנריקען זיין משפחה,

די רבי שליט"א זאגט אז עס איז א מצוה עשה אויף שרייען אויף ארונטערנעמען די גזהה איומה דעם שאנד פלעק וואס מען קלעפט צו, צו דעם ישראל.

מיט די געלדער וואס מען מאכט אפילעס אין די שוהלען ביי כל נדרי וואס אידען גיבען דאן ווייל מען האט מורא פאר דעם יום הדין פון יום הכפורים אמז, מיט די געלדער ויל מען אייבארדענע-ן גוים אין ארץ ישראל וואס דער אויבערשטער האט געגבען אידן בברית בין הבתרים, און זיי וויל מען איבערגעבען צו היטען דעם עם ישראל פון די שונאי ישראל.

עס מוז זיין דער ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, און ווי רש"י זאגט אויף דעם מגיד שם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג והוא הישר בעני ה',

דאס מיינט אז אפילו ווי מען האט שוין אלעס געטוען ביי כי ימצא חלל באדמה, און ונכפר להם הדם, דארף מען נאך אלץ זוכען אויף מבער זיין דעם הורג ~~און דאס הישר בעיני ה', אדרי אויך וועגען דעם מיהו יהודי געזעץ,~~ טאר קיינער ניט רוען ביז מען וועט משנה זיין דעם געזעץ אז נאר גירר כהלכה מוז זיין ביי גיור.

דער רבי שליט"א האט כדרכו בקודש מבאר געווען דעם פרש"י אויפן פסוק אשר קרך בדרך, וואס רש"י אבבבמפבשבבבבבפבבבשבמב שטעלט זיך אויף די ווערטער אשרקרך בדרך, לכאורה איז דאך רש"י מפרש דעם טייטש פון קקך-וואס מיינט דער פסוק קרך- נאך וואס דארף רש"י אויך מעתק זיין די ווערטער אשר און בדרך, און פאר וואס מוז רש"י ברענגען דא דריי פירושים, און דער סדר הפירושים, דער ערטשער פירוש איז לשון מקרה, דבר אחר לשון קרי וטמאה, און נאך אדבר אחר לשון קור וחום, מיט די גאנצע אריכות ברש"י, נאר פארשטענליך פולמען קען יעצט דא דאס ניט איבערגעבען, נאר א קורצען תבבבב ווארט פון נאך אשאלה אין רש"י,

נאך וואס מוז רש"י אנקומען צו א משל, משל לאמבטי רותחת שאין כל ברי' יכולה לירד לתוככה בא בן בליעל אחד וקפץ וירד לתוכה אף ע"פ שנכוה הקרה אותה בפני אחרים,

אלע מאהל א משל אוז מבאר דעם נמשל ווען מען איז מ וכרח דערצו, דא איז דאך לכאורה פשוט ומובן ווי רש"י זאגט פריער שהי' כל האומות יראים להלחם בכם ובא זה והתחיל והראה מקום לאחרים,

נאר בנבגל אן עם משל קען א בן חמש למקרא פרעגען,

פאר וואס וועט דאס זיין הראה מקום לאחרים, אדרבא עמלק קומעדי מלחמה האלטן

מיט די אידן דערציילט דאך די תורה אז ער האט געהאט א מפלה ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב, ממילא וועלען דאך אנדערע מורא האבען זיך צו טשעפען צו די אידן, דאריבער ברענגט רש"י א משל און שרייבט בא בן בליעל אחד, אז עס איז געקומען א בן בליעל, ער איז אבן בליעל און איז אריינגעשפרונגען אע"פ שנכוה הקרה אותה בפני אחרים.

אידן דארפ וויסען אז זיי ... זייגען אזא אומה אזא פאלק וואס כל האומות יראים להלחם בכם, א אמבטי רותחת שאין כל ברי' יכולה לירד בתוכה.

דער רבי שליט"א האט אויסגעטייטש די פסוקים פון כי תצא למלחמה על אויביך וגו' אז דאס מיינט עבודת התפלה ווי עס שטייט אין זהר שעת צלותא שעת קרבא, וביחוד אין דעם חודש אלול ווי ספרים טייטשען ובכתה את אבי' ואת אמה ירח ימים, - וואס ירח מיינט א חודש און דאס גייט אויף חודש אלול, און ארומגערעדט בארוכה די גאנצע פרשה אין עבודת השם, אז עס זאל ובכתה בבכי' של שמחה בבכי יבואו, ביז ובעלתה והתתה לך לאשה וועט ער זאגט אין די הפטרה כי בעליך עשיך ה' צבאות שמו וגואלך קדוש ישראל אלקי כל הארץ יקרא.

און דערווייל די גאולה האמיתית והשלימה

ב"ה.

פויריגען שבת פרשת תצא האָט דער רבי, דער ליובאַוויטשער רבי שליט"א, אונז און דעם גאַנצען כלל ישראל מזכה געווען מיט אַ אומגעריכטע התוועדות,

אין דעם פאַרברייינגען האָט דער רבי שליט"א ערקלערט איינע פון די טעמים פון דעם התוועדות,

אַז דאָס איז בשייכות וואָס היינט מיטוואָך[1] איז ח"י אלול, אַכצען טאָג אין חודש אלול, כמבואר בארוכה אין די שיחות קודש פון דעם פריערדיגען רבין נשמתו עדן[2], איז ח"י אלול דער יום הקדוש והבהיר, דאָס איז דער טאָג פון דעם יום הולדת פון די שני מאורות הגדולים[3] (ביי אידען: מאָנטאָג ח"י אלול תנ"ח (וואָס חסידים פלעגען געבען אַ סימן אויף דעם יאָהר **נחת**[4]) איז דער יום ההולדת פון דעם בעל שם טוב, און מיטוואָך ח"י אלול תק"ה איז דער יום הולדת פון דעם אַלטען רבי'ן – דער בעל התניא והשולחן ערוך. –

האָט דער רבי שליט"א זיך געוואָנדען מיט אַ הצעה אַז אין דעם יום הבהיר, דער יום ההולדת פון די שני מאורות הגדולים, זאָל מען איינאָרדענען התוועדות'ן (פאַרברייינגען) צו מעורר זיין נאָך אַמאָהל אויף לימוד התורה – אַז עס איז איצטער די צייט איינצונעמען די וועלט מיט תורה, דאָס וואָס דער רבי שליט"א איז שוין מעורר זינט חמשה עשר בשבט[5] (און מען האָט שוין דאָס אויך איבערגעגעבען כמה פעמים אויך דאָ אויף די ראַדיאָ סטאַנציע). עס איז מובן אַז די התעוררות וואָס וועט קומען פון אַ התוועדות אין דעם טאָג, פון אַ התוועדות פון אַ רבים – אויב עס איז נאָר מעגליך – און אפילו פון יחידים, אָדער אפילו אַ החלטה טובה אין דעם – פון אַ יחיד אָדער אַ יחידה, וועט געוויס פועל זיין, אַז אידען זאָלן לערנען וואָס מעהר תורה, וואָס דאָס איז יעצט דער צורך וצו השעה, אויף איינעמען די וועלט מיט תורה.

דער רבי שליט"א האָט געזאָגט ביים פאַרברייינגען אַז מען זאָל דאָס מפרסם זיין בכל המקומות, דאַריבער גיבען מיר דאָס דאָ איבער מיט די האָפנונג דאָס אידען בכל מקום שהם וועלען זיך צו הערען צו די רייד פון דעם נשיא ישראל כ"ק אדמו"ר שליט"א, וואָס דאָס איז זיכער געמיינט די טובה פון דעם גאַנצען כלל ישראל.

ביי די התוועדות האָט דער רבי שליט"א כרגיל וכדרכו בקודש געזאָגט אַ מאמר חסידות[6] און עטליכע שיחות קודש[7], און מיר וועלען זיך דאָ באַמיען איבערגעבען עטליכע נקודות פון די שיחות קודש.

---

1) כנראה – יום השידור דשיחות אלו בראַדיאָ.
2) ראה סה"ש תש"ג ע' 141 ואילך. ובכ"מ.
3) בראשית א, טז.
4) ראה לקו"ד ח"א לא, ב. סה"ש שם ע' 146. שם ע' 188. ובכ"מ.
5) לקו"ש ח"ו ע' 312. תו"מ התוועדויות חס"ג (תשל"א ח"ב) ע' 186 ואילך.
6) ד"ה כי תצא – סה"מ תשל"א ע' רפג ואילך; תו"מ התוועדויות חס"ה (תשל"א ח"ד) ע' 150 ואילך.
7) תו"מ התוועדויות שם ע' 155 ואילך. ושי"נ.

איינע פון זיי: אין די שיחות קודש פון דעם פריערדיגען רביין נ"ע פון חג השבועות ש"ת, (געדרוקט אין ספר השיחות קיץ ש"ת[8]), שרייבט דער רבי נ"ע אַ תורה פון דעם בעל שם טוב:

אַמאָל האָט מורנו הבעש"ט געזאָגט, אַז אידען זיינען די תפילין דמארי עלמא, כמאמר (ברכות ו' א') תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ[9], אידן זיינען ממשיך דעם אחד ה' בארץ.

אין תפילין זיינען פאַראַן צוויי תפילין: תפלה של ראש און תפלה של יד. אידן וואָס זיינען די תפילין דמארי עלמא, זיינען פאַראַן תפילין של ראש, אידן בעלי מוחין און בעלי תורה, און תפילין של יד, אידן בעלי מדות טובות.

די ברכה פון הנחת תפילין איז אשר קדשנו במצותיו וצונו וגו'. השי"ת האָט אונז אידן געהייליגט מיט די מצות. די ברכה אויף תפילין מאַכט מען אויףביידע תפילין, אויפן של ראש און אויפן של יד, און לייגען באַדאַרף מען ביידע תפילין, אָבער פריער לייגט מען תפלה של יד און נאָכדעם תפלה של ראש.

אין הנחת תפילין שלמעלה מיינט דער של יד, די פעולת עבודה פון אנשים פשוטים, און דער של ראש מיינט, די פעולת עבודה פון בעלי תורה. הנחת תפילין שלמעלה איז די עבודה בקבלת עול פון אנשים פשוטים העכער, פון דער עבודה פון די בעלי מוחין אין ידיעת והשגת התורה.

דער רבי שליט"א האָט אין אַ טיפע אריכות[10] מבאר געווען די תורה פון דעם בעש"ט, ובפרט דעם לשון ווען די אנשים פשוטים ניט "יד", נאָר **תפלין** של יד, און אויסגעפירט – אַז דאָס באַווייזט אַז אַלע אידן אויך די אידען וואָס זיינען בבחי' תפילין של יד שלמעלה – דאַרפען און מוזען אָנקומען צו לימוד התורה, ווי דער תוכן פון תפילין (אויך תפלה של יד) איז דאָך תורה, די פיר פרשיות התורה (וואָס זיינען געשריבען על קלף און ליגען אין די בתים) ; קדש[11], והי' כי יבאך[12], שמע[13] און והי' אם שמוע[14]. **וכמפורש** במד"ת[15] (א, ב) אַז די וואָס **(ע"פ תורה)** אין להם פנאי א"ל הקב"ה קיימו מצות תפלין ומעלה אני עליכם כאילו אתם יגיעים בתורה יומם ולילה.

נאָך אַ שיחה: דער רבי זאָל געזונד זיין האָט זיך אָבגעשטעלט, וואָס די התחלת הסדרה פון תצא, פאַנגט זיך אָן "כי תצא למלחמה על אויביך וגו'", אפילו ווי רש"י זאָגט אַז "במלחמת הרשות" – אָבער אַזאַ מלחמה וואָס איז עפ"י תורה, און די פריערדיגע פרשה איז די פרשה פון "כי ימצא חלל באדמה"[16], די פרשה פון עגלה ערופה, און פאַר די פרשה פון עגלה ערופה איז

8) ע' 133.
9) דברי הימים-א יז, כא.
10) ראה לקו"ש ח"ט ע' 347 הערה 7; תו"מ התוועדויות שם ע' 168 הערה 99.
11) בא יג, א ואילך.
12) שם, יא ואילך.
13) ואתחנן ו, ד ואילך.
14) עקב יא, יג ואילך.
15) = במדרש תהלים.
16) פ' שופטים כא, א ואילך.

דאָ די פרשה "כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עלי' וגו'"[17], אויך אַ ענין פון "מלחמת הרשות"[18]; שטעלען זיך מפרשים (בעה"ט[19]) אויף די סמיכות פון די פרשיות – וואָס במשנה תורה (ברכות דכ"א ב') האַלטען דאָך אַלע אַז מען דרשנ'ט סמוכים – און וואָס עגלה ערופה קומט **באמצע** דיני מלחמה. און האָט מבאר געווען אין דעם אַז די **סמיכות** פון די פרשה פון עגלה ערופה לערנט אַז אפילו "כי ימצא חלל" אינמיטען פון אַ מלחמה (ניט נאָר סתם "כי ימצא חלל"),

– דער שטייגער איז דאָך אַז אין אַ מלחמה, זיינען דאָך, ווי גוט די מלחמה ווערט געפירט, דאָ חללים געהרגע'טע רח"ל, עס פאַלן קרבנות ל"ע, און כי תצא למלחמה איז דאָך ע"מ להרוג וכו' – מענשליכער לעבן האָט ניט די חשיבות וכו' –

איז ווי קען מען אין אַזאַ צייט נעמן זיך צום האַרצן, מאַכן אַ גרויסן שטורם וועגען אַ איינציגען געהרגט'ן וואָס מען ווייסט אפילו ניט ווער ער איז, ווי קען מען זיך גאָר אָנגעבען באַוואָרענען אַזאַ ענצעלען פאַל; איז דאָ קומט די תורה הקדושה, וואָס תורה איז אַ תורת אמת[20], און זאָגט אונז אָן, אַז "כי ימצא חלל באדמה", אפילו אַ איין און איינציגען חלל, ליגט אויף אַלעמן – ביז צו די העכסטע – סנה' גדולה[21] – צו שטורעמען אין דעם.

כנ"ל, אויף וועמען לייגט די תורה הקדושה אַרויף דעם חוב, ניט אויף מינדערוויכטיגע מענשען, נאָר אויף "זקניך ושופטיך"[22], און ווי רש"י ברייגנגט אויפן אָרט (פון ש"ס[23]) "מיוחדים שבזקניך אלו סנהדרי גדולה", דאָס מיינט אפילו אַ בן חמש דאַרף שוין וויסן אַז די סנהדרי גדולה וואָס זיצען אין לשכת הגזית[24] אין ירושלים מוזען אַרויס גיין און טוען כמצווה בפרשה מיט די "זקני העיר ההיא"[25] און ברענגען אַ "עגלת בקר"[25], און "ומדדו וגו'"[22] כמובא בכתוב.

דער רבי שליט"א האָט דעם ענין ממשיך געווען בנוגע דעם חוק פון מיהו יהודי, וואָס מ'האָט שוין פיעל גערעדט וועגען דעם, און ביז יעצט איז דאָך דער ענין נאָך ניט מתוקן, און מען נעמט אַריין גוים אין כלל ישראל מיט אַ פאַפירעל אַז ער איז אַ איד ווען דער גוי איז ניט דורכגעגאַנגען גיור כהלכה,

וואָס ווי שוין געזאָגט כמה וכמה פעמים איז דאָס אַ גזירה איומה וואָס איז ניט געווען זייט אידן זיינען אַ פאָלק,

אפילו ווי די וואָס טענ'ען און זאָגען אַז דאָס איז נאָר אַ מכשול וואָס קען אַרויסקומען פאַר געציילטע מענשען, קען מען אַרויסלערנען פון די פרשה פון עגלה ערופה אַז אפילו פאַר איין איינציגען אידען, אויב "כי ימצא חלל באדמה" – מוזן זיך אָפגעבען מיט דעם חלל די גרעסטע

---

17) שם כ, יט ואילך.
18) ספרי ופרש"י שם.
19) שם כא, א; ושם: "כי ימצא חלל – סמך לפרשת מלחמה, שבשעת מלחמה דרך למצוא חללים".
20) מלאכי ב, ו.
21) פרש"י פ' שופטים כא, ב. – הובא להלן בפנים.
22) פ' שופטים שם.
23) סוטה מד, סע"ב. ושי"נ.
24) סנהדרין פו, ב (במשנה). מדות פ"ה מ"ד. מכילתא ס"פ יתרו. פרש"י ר"פ משפטים. ועוד.
25) פ' שופטים שם, ג.

פון די אידען, די סנהדרי גדולה, אפילו די וואָס פלאַנירען מלחמות, אפילו די וואָס זיצען אין ירושלים, וואָס ירושלים זאָגט תוס' אין תענית דט"ז ע"א[26] איז על שם יראה שלם, מעגען זיי זיין יראים ושלמים, טאָרען זיי ניט פאַרשווייגען אַזאַ גזירה[27].

– מען רעדט איין אַז דערמיט טוט מען אַ טובה דעם גוי, עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, תורת **אמת** זאָגט אַז עס איז אַ תקלה ורעה **גדולה** אויך פאַרן גוי[28]. אויך – דער גוי אַליין וויל דאָס ניט, מען נאַרט עם אָפּ, עס איז שוין געווען פאַלען וואָס די גוים אַליין האָבען שפּעטער פּראָטעסטירט און ווילען ניט זיין פאַרשריבען אַלס יהודים. –

אָבער מ'דאַרף וויסען דעם ביטערן מורא'דיגען [זאַך] אַז דער ענין פון מיהו יהודי איז ניט אַ ענצעלנעם פאַל, נאָר עס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען[29] הונדערטער פאַלן און עס קומען צו נאָך און נאָך.

אַ ניט איד, אַ גוי, האָט געמאַכט אַ שאלון – אַ רעפערענדום – אין ארץ ישראל צווישן **אַלע** קרייזען (וואָס דער רוב שטימט פאַר די לינקע פּאַרטייען) וועגען דעם מיהו יהודי געזעץ, און 58 פּראָצענט פון די וואָס האָבען געענטפערט זיינען געגען דעם מיהו יהודי געזעץ, נאָר אַז עס מוז זיין גיור כהלכה![30]

---

26) תודי"ה הר.

27) ברשימת ההנחה נכתב כאן:

דער ענין פון מיהו יהודי ווי שוין געזאגט איז אויך א ענין אזוי ווי שפיכת דמים, ווי דער רמב"ם פסק'נט להלכה (פי"ב מאיסורי ביאה[א], על יסוד הגמרא ביבמות ד' כ"ג[ב]) אז דער וואס בא רח"ל על הגוי' "יש בו הפסד שאין בכל העריות כמותו .. והבא מן הכותית אינו בנו", איז מובן אז דאס איז ווי שופך דם יהודי, וואס עס וואלט געקענט געבוירען ווערען א איד, און עס ווערט געבוירען א גוי[ג].

אך כ"ק אדמו"ר העביר קולמוס ע"ז.

28) ראה גם תו"מ התוועדויות ח"ס (תש"ל ח"ג) ס"ע 424. ובכ"מ.

29) ברשימת ההנחה נכתב כאן:

... [נאר עס] איז [פעסטגעשטעלט געווארען] דער פאל פון גיור וינה[ד], וואס רבנים וועלכע זיינען געשיקט געווארען אויף אויסצופארשען האבען פעסטגעשטעלט אז עס איז ניט געווען קיין גיור כהלכה, און דער רב אין ווין האט אליין געזאגט אז ער האט געמיינט אז ער איז נאר א עדות אבער ניט פון דעם בית דין של שלשה.

אך כ"ק אדמו"ר העביר קולמוס ע"ז, ותיקן (כבפנים).

30) ברשימת ההנחה נכתב כאן:

... און ביניהם איז דא אסך חילונים (וואס באמת איז ביי אידען ניט דא קיין חילונים[ה], ווייל יעדער איד האט א נשמה א חלק אלקה ממעל[ו]),

די אלע ארטאדאקסישע אידען אין ארצינו הקדושה זיינען דורכאויס געגען דעם געזעץ פון מיהו יהודי, ווייל קיינער ווייסט ניט וואס עס קען ברענגען מיט די צייט אז היל"ת[ז] זיינער א אייניקעל זאל נכשל ווערען חתונה

---

א) **הלכה ז.**

ב) **עמוד א.**

ג) **בכללות הענין ראה גם שיחות י"ט כסלו; ש"פ וישב שנה זו (תו"מ התוועדויות חס"ב – תשל"א ח"א – ע' 339 ואילך; ע' 364; ע' 399). ובכ"מ.**

ד) **ראה גם שיחת כ"ף מנ"א שנה זו (תו"מ התוועדויות חס"ה – תשל"א ח"ד – ע' 88). ובכ"מ. – ושם, שהמדובר לא רק ב-52-54 מקרי גיור בלבד, כפי שהרבנים הודיעו, אלא "המציאות היא שעלו משם 300, כך, שמלבד אותם 52-54 מקרים, יש עוד 250 שאצלם לא נערכה אפילו "צרמוניא" על הנייר, אלא מיד רשמו אותם בתור יהודים"!**

ה) **ראה גם שיחת כ"ף מנ"א הנ"ל (שם ע' 89). ובכ"מ.**

ו) **איוב לא, ב. תניא רפ"ב.**

ז) = **הי' לא תהי'.**

דער רבי שליט״א זאָגט אַז עס איז **אַ מצוה חמורה** שרייען אויף אַרונטערנעמען די גזרה איומה, דעם שאַנד פלעק וואָס מען קלעפּט צו, צו דעם עם ישראל[31].

קיינער טאָר ניט רוען ביז מען וועט משנה זיין דעם געזעץ אַז נאָר גיור כהלכה מוז זיין ביי גיור.

דער רבי שליט״א האָט כדרכו בקודש מבאר געווען דעם פרש״י אויפן פסוק ״אשר קרך בדרך״[32], וואָס רש״י שטעלט זיך אויף די ווערטער ״**אשר קרך בדרך**״, לכאורה איז דאָך רש״י מפרש דעם טייטש פון ״קרך״ – וואָס מיינט דער פסוק ״קרך״ – נאָך וואָס דאַרף רש״י אויך מעתיק זיין די ווערטער ״אשר״ און ״בדרך״, און פאַר וואָס מוז רש״י ברענגען דאָ דריי פירושים, און דער סדר הפירושים, דער ערשטער פירוש איז ״לשון מקרה״, ״דבר אחר לשון קרי וטומאה״, און נאָך אַ ״דבר אחר לשון קור וחום״, מיט די גאַנצע אריכות ברש״י[33], נאָר פאַרשטענדליך קען מען יעצט דאָ דאָס ניט איבערגעבן, נאָר אַ קורצען וואָרט פון נאָך אַ שאלה אין רש״י,

נאָך וואָס מוז רש״י אָנקומען צו אַ משל; ״משל לאמבטי רותחת שאין כל ברי׳ יכולה לירד לתוכה בא בן בליעל אחד וקפץ וירד לתוכה אף ע״פ שנכוה הקרה אותה בפני אחרים״,

אַלע מאָהל פון אַ משל איז מבואר דעם נמשל ווען מען איז מוכרח דערצו, דאָ איז דאָך לכאורה פשוט ומובן, ווי רש״י זאָגט פריער ״שהי׳ כל האומות יראים להלחם בכם ובא זה והתחיל והראה מקום לאחרים״,

נאָר איינע פון די הוספות ביאור ע״י המשל: אָן דעם משל קען מען פרעגן, פאַר וואָס וועט דאָס זיין ״הראה מקום לאחרים״, אדרבא, עמלק קומענדיג מלחמה האַלטן מיט די אידן

האָבען מיט אַזאַ וואָס האָט ניט געהאַט גיור כהלכה; אַ איד ציטערט אויף וועגן נישואי תערובות מיט אַ גוי, אויב עס זאָל ח״ו היל״ת אָנרירען זיין משפחה.

אד כ״ק אדמו״ר העביר קולמוס ע״ז.

31) ברשימת ההנחה נכתב כאן:

מיט די געלדער וואָס מען מאַכט אַפּיעלס אין די שוהלען ביי כל נדרי[ח], וואָס אידען גיבען דאַן ווייל מען האָט מורא פאַר דעם יום הדין פון יום הכפורים, איז, מיט די געלדער וויל מען איינאָרדענען גוים אין ארץ ישראל וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן אידן בברית בין הבתרים[ט], און זיי וויל מען איבערגעבען צו היטען דעם עם ישראל פון די שונאי ישראל.

עס מוז זיין דער ״ואתה תבער הדם הנקי מקרבך״[י], און ווי רש״י זאָגט אויף דעם ״מגיד שאם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג והוא הישר בעיני ה׳״,

דאָס מיינט אַז אפילו ווי מען האָט שוין אַלעס געטוען ביי ״כי ימצא חלל באדמה״, און ״ונכפר להם הדם״[י], דאַרף מען נאָך אַלץ זוכען אויף מבער זיין דעם הורג און דאָס איז ״הישר בעיני ה׳״, אַזוי אויך וועגן דעם מיהו יהודי געזעץ, טאָר קיינער ניט רוען ...

אד כ״ק אדמו״ר העביר קולמוס ע״ז, ותיקן בסופו (כבפנים).

32) ס״פ תצא.

33) ראה תו״מ התוועדויות חסי״ה (תשל״א ח״ד) ע׳ 164; ע׳ 173 ואילך.

ח) **ראה גם שיחת כ״ף מנ״א הנ״ל (שם ע׳ 87). ובכ״מ.**

ט) **לך לך טו, יח ואילך.**

י) **ס״פ שופטים.**

דערציילט דאָך די תורה אַז ער האָט געהאַט אַ מפלה גדולה "ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב"[34], במילא וועלען דאָך אַנדערע נאָך מער מורא האָבען זיך צו טשעפען צו די אידן, דאַריבער ברענגט רש"י אַ משל און שרייבט "בא בן בליעל אחד", אַז עס איז געקומען אַ בן בליעל, ער איז אַ **בן בליעל** און איז אַריינגעשפרונגען, "אע"פ שנכוה הקרה אותה בפני אחרים". – רעדט דער יצה"ר איין אַז דאָס וואָס נענש – איז ווייל ער איז אַ בן בליעל; וויבאַלד אָבער אַז קפץ (חאָטש **זיכער** וויל ער זיך ניט אָפּבריען) **באַווייזט** אַז די אמבטי איז קאַלט[35].

דער רבי שליט"א האָט אויסגעטייטש די פסוקים פון "כי תצא למלחמה על אויביך וגו'"[36], אַז דאָס מיינט – ברוחניות – עבודת התפלה, ווי עס שטייט אין זהר[37] "שעת צלותא שעת קרבא", וביחוד אין דעם חודש אלול ווי ספרים טייטשען[38] "ובכתה את אבי' ואת אמה ירח ימים"[39], – וואָס "ירח" מיינט אַ חודש – און דאָס גייט אויף חודש אלול, און אַרומגערעדט בארוכה[40] – ברייגנענדיג דעם לקו"ת דאָ[41] – די גאַנצע פרשה אין עבודת השם, און אַז עס זאָל זיין "ובכתה", בכי' של שמחה[42], און ברייגנען די גאולה האמתית והשלימה ווי ער זאָגט אין דער הפטורה[43]: רני עקרה גו' פצחי רנה וצהלי גו' אמר מרחמך ה'.

❖ ❖ ❖

34) בשלח יז, יג.

35) ברשימת ההנחה נכתב כאן:

אידן דאַרפן וויסען אַז זיי זיינען אַזאַ אומה, אַזאַ פאָלק, וואָס "כל האומות יראים להלחם בכם", אַ "אמבטי רותחת שאין כל ברי' יכולה לירד בתוכה".

אך כ"ק אדמו"ר העביר קולמוס ע"ז.

36) ר"פ תצא.

37) הובא בלקו"ת ר"פ תצא (לד, ג. לה, ג). ובכ"מ. וראה זהר ח"א רמ, ב. ח"ג רמג, א (ברע"מ). תקו"ז תי"ג (כט, ב).

38) ל"ת להאריז"ל עה"פ. וראה גם ז"ח עה"פ (נח, סע"ד).

39) תצא כא, יג.

40) בהמאמר ובהשיחות שלפני' – תו"מ התוועדויות שם ע' 150 ואילך; ע' 155 ואילך.

41) דלעיל הערה 37 – ואילך.

42) ראה לקו"ת שם לו, ג. לז, ד.

43) ישעי' נד, א-יו"ד.



כץ-ברוקלין

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקווי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

ב"ה, י' סיון תשכ"ז
ברוקלין

האברך הוו"ח אי"א נו"נ כו'
הרב זאב יחזקאל שי' הכהן
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום י"ג סיון הבע"ל, בכחב"ד באה"ק תובב"א –

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת, ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

מכתב לחתונת זקני הכלה הרה"ח ר' זאב יחזקאל הכהן וזוגתו שיחיו כץ



גרינברג- אלבסקי-

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקווי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213

493-9250

ב"ה, טו' מנ"א תש"נ
ברוקלין, נ.י.

האברך הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' משולם זוסיא זאב שי'
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום י"ט אלול הבע"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

מכתב לחתונת הורי החתן

החתן רצה שמקום החתונה יהי' בנחלה של הרבי באה"ק, ואף שהי' מאוד קשה לסדר, בשעתו, חתונה גדולה בכפר חב"ד, עכ"ז היתה החתונה שם. וכנראה לכן ההוספה בכתי"ק:

**בכחב"ד באה"ק תובב"א –**

לזכות

החתן הת' **לוי יצחק** והכלה מרת **חי' מושקא** שיחיו

**גרינברג**

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

ט"ז אלול, ה'תשפ"א

❁

נדפס על ידי ולזכות הוריהם

הרה"ת ר' **משולם זוסיא זאב** וזוגתו מרת **מרים** שיחיו **גרינברג**

הרה"ת ר' **אברהם יהודה הלוי** וזוגתו מרת **דבורה לאה** שיחיו **סאָסקינד**

ולזכות זקניהם

מרת **דבורה** שתחי' **גרינברג**

הרה"ת ר' **יהודה לייב** וזוגתו מרת **דוואניא** שיחיו **אַלעווסקי**

הרה"ת ר' **משה גבריאל הלוי** וזוגתו מרת **גיטל** שיחיו **סאָסקינד**

הרה"ת ר' **זאב יחזקאל הכהן** וזוגתו מרת **רישא** שיחיו **כ"ץ**